


# איבערזיכט פון סערוויסעס

דער ציל פון דער ניו יארק סטעיט דעפארמענט אוו לעיבאר איז צו צושטעלן אויסגעצייכנטע סערוויסעס צו אונזערע קונדן - די ארבעטערס און ביזנעסער וואס רופן ניו יארק זייער היים - אינעם צייט וואס זיי זוכן צו וואקסן און בליען אין אונזער מאדערנע עקאנאמיע.

## ביזנעס שטיצע

מיר שטעלן צו אומזיסטע פראגראמען און סערוויסעס וואס קענען העלפן אייער פירמע זיך שלאגן אינעם היינטיגן שווערו ביזנעס ענווייראנמענט און האלטן אייער אויסגאבעס נידריג. פארבינדט זיך מיט אונזער ביזנעס סערוויסעס אפיס אויף 800-HIRE-992.

די אומזיסטע סערוויסעס קענען שפארן טויזנטער דאללארן פאר אייך יעדעס יאר און ענטהאלט:

- דזשאב פאסטינגס אויפ'ן ניו יארק סטעיט דזשאב באנק
- פאסיגע אויפנעמונגען און קאריערע פעירס
- אויפנעמונג אינסענטיוון, שטייער קרעדיטס און אויפ'ן-דזשאב טרענירונג (OJT)
- יומען רעסורסעס קאנסולטינג
- טרענירונג
- אפרענטיסשיפ פראגראמען
- פארשיקן אווערסיע

## דזשאבס און קאריערע

אויב איר זוכט א נייע ארבעט, נוצט אויס אונזער ע אומזיסטע סערוויסעס ביי קאריערע סענטערס איבער ניו יארק סטעיט:

- קאריערע קאונסעלינג און ווארקשאפס
- רעזומעי אנטוויקלונג
- פעאיגקייט אפשאצונג
- קאמפיוטער, ארבעט געצייג, און אינטערנעט צוטריט
- קאמפיוטער ווארקשאפס
- ערוואקסענע איינפאכע עדיוקעישאן/ענגליש אלס א צווייטע שפראך (ESL)
- ארבעט זוכערי הילפסמיטלען און ארבעט פלאצירונג געהילף
- פאסטן קלאס-צימער טרענירונג
- פינאנציעלע געהילף פאר טרענירונג
- רעפערעלס פאר אנדערע עדיוקעישאנעל, טרענירונג, און סאושעל סערוויסעס

### אפרענטיסשיפ

אין אפרענטיסשיפ פראגראמען, קענען פריש-אריינגעקומענע זיך אויסלערנען א פאך אדער פעאיגקייט פון ערפארענע ארבעטער. זיי לערנען בשעת'ן ארבעטן און אינעם קלאסצימער. אוועילעבל אפרענטיסשיפ פראגראמען אין ניו יארק סטעיט נעמען אצינד אריין מער ווי 300 פאכן אין די בוי-ארבעט, מאנופאקטשורינג, און סערוויס פאכן. מיר זענען פאראנטווארטליך פארן באשטעטיגען אלע אפרענטיסשיפ פראגראמען אין ניו יארק סטעיט.

## ארבעט אינפארמאציע

ארבעט מארקעט אנאליסטן אין אונזער אפטיילונג פון פארשונג און סטאטיסטיק שטעלן צו אינפארמאציע איבער וועידזשעס, וויכטיגע עקאנאמישע מאדעס, און ארבעט אוועילעביליטי אין זייער ראיאן פאר ארבעטסגעבערס, אנטוויקלער און אנדערע. זיי שטעלן אויך צו פאך און ארבעט אינפארמאציע פאר ארבעט זוכער.

## ארבעט באשיצונג

### מיטארבעטער און עדיוקעישן

די דיוויזיע פון מיטארבעטער און עדיוקעישן העלפט ארבעטער נוצן די פילע פראגראמען און סערוויסעס צוגעשטעלט דורך די דעפארטמענט פון לעיבאר. אונזער שטאב קען העלפן ארבעטער אריינגערעכנט מיגראנט און סעזאנאל פארם ארבעטער:

- באקומען די וועידזשעס וואס קומען אייך
- טרעפן אן ארבעט
- באקומען ארבעט טרענירונג הילף

די דיוויזיע פון מיטארבעטער און עדיוקעישן העלפט ארבעטסגעבער צו פארשטיין זייער אחריות אונטער די לעיבאר געזעץ און צוקומען צו מיטארבעטער. מיר קענען אויך העלפן ארבעטסגעבער צוקומען צו אנדערע סערוויסעס פון די דעפארטמענט פון לעיבאר אריינגערעכנט הילף מיטן טרעפן ארבעטער. פאר הילף, רופט 877-466-9757.

### וועידזש באשיצונג

דער אפטיילונג פון לעיבאר סטאנדארטן באשיצט אלע ארבעטערס, אפילו אויב זיי ווערן באצאלט אונטערן טיש אדער זענען נישט דאקומענטירט. מיר ארבעטן צו באקעמפן ארבעטער אויסנוץ, געשלעכטליכע הארסמענט און מענטשליכע טרעפיקינג.

מיר אינפארסירן די סטעיט לעיבאר געזעץ פאר:

- מינימום וועידזש
- שטונדן פון ארבעט
- ארבעט זוכעריי הילפסמיטלען און ארבעט פלאצירונג געהילף
- פאסטן קלאס-צימער טרעינירונג
- פינאנציעלע געהילף פאר טרענירונג
- רעפערעלס פאר אנדערע עדיוקעישאנעל, טרענירונג, און סאושעל סערוויסעס

## פארם ארבעטער

ניו יארק סטעיט האט פראגראמען צו באשיצן מייגרענט פארם ארבעטערס. לעיבאר סטאנדארטן אויספארשער באקוקן די ארבעטס אומשטענדן פון מייגרענט פארם ארבעטערס און באריכטן פראבלעמען צום פאסיגן אגענטור.

## טשיילד לעיבאר

ניו יארק סטעיט אינפארסירט שטרענג טשיילד לעיבאר געזעצן. דער געזעץ איז גילטיג פאר אלע ארבעטער אונטער 18 יאר אלט. עס באגרעניצט די שטונדן וואס יוגנטליכע מעגן ארבעטן דורכאויס די שולע יאר. עס זאגט אויך אז זיי קענען נישט פירן קיין אומפארזיכערטע מאשינען אדער ארבעטן אין געפארפולע דזשאבס.

## זיכערהייט און געזונטהייט

דער דעפארטמענט אוו לעיבאר באשיצט ארבעטסגעבערס, ארבעטערס, און דעם פובליק פון געפארן ביי דער ארבעט און אנדערע געזונטהייט געפארן. טייל דערפון רעכנט אריין:

- אסבעסטאס קאנטראל
- ארבעט זיכערהייט און געזונטהייט פראבלעמען ביים ארבעטספלאץ
- בוילער זיכערהייט
- לייסענסעס פאר קרעין אפערעיטארס, בלעסטערס, אסבעסטאס ארבעטערס
- אונטערזוכונגען פון סקי ערטער, פארוויילונג ריידס, און פלעצער ווי דער פאבליק נעמט זיך צוזאם

## פאבליק ארבעט

דער ביורא פון פאבליק ארבעט שטעלט אוועק דעם אנגייענדע וועידזש געזעץ. מיר:

- שטעלן אוועק די ראטעס יעדעס יאר
- אינפארסירן דעם געזעץ

דער געזעץ זאגט אז ארבעטער מוזן פארדינען דעם אנגייענדע וועידזש ראטע אויב זיי ארבעטן:

- אויף פאבליק קאנסטראקשאן פראיעקטן
- ביי סערוויס דזשאבס אין פאבליק געביידעס

# ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס

אויב איר זענט ארבעטסלאז נישט צוליב אייער שולד, קענט איר קוואליפיצירן פאר וועכנטליכע בענעפיט צאלונגען בשעת איר זוכט ארבעט. מיר טוען אלעס וואס מיר קענען אייך צו צוריקקערן צום ארבעט.

איר קענט זיך איינגעבן פאר ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אנליין אויף **www.labor.ny.gov** אדער דורך רופן דעם טעלעפאן קלעימס סענטער אויף **888-209-8124**.

# פארבינדט זיך מיט אונז

**וועבסייט: labor.ny.gov**

**טעלעפאן:**
**888-4-NYSDOL (888-469-7365)**
**800-662-1220 TTY/TTD**